# פרשת נשא

## בס״ד. משיחת י״ב תמוז ה׳תשד״מ.

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

ס׳איז דא צוויי ענינים: ס׳איז דא תורה און חכמה. און חכמה איז ניט פארבונדן דוקא מיט מתן תורה.ווארום – בלשון הידוע האמור לעיל – אז ״יש חכמה בגויים – תאמין״[1], ס׳איז ניט פארבונדן מיט מתן תורה.

בשעת מ׳וועט אבער זאגן ״יש תורה בגויים״ בא סתם פעלקער, איז אט דעמאלט איז ״אל תאמין״ דאס דארף זיין פארבונדן מיט מתן תורה דוקא.

ווי אזוי קען א מענטש ביי זיך פועל זיין, ער זאל פארבייגן אויף זיך, אויף זיין כבוד, און אויף זיין קנאה, און אויף זיין תאוה, און אויף זיין ממון, און ניט טאן קיין השגת גבול, אדער אפילו זיך ניט נאכגעבן אין א שיחה נאה אין וועלכע ס׳רעדט זיך וועגן גנותו של חבירו, אפילו ווען דאס איז אן אמת, אבער דאס איז א גנות פון א צווייטן נברא, וואס ער איז חבירו – טאר מען ניט רעדן אפילו אן אמת אויב דאס איז לגנותו של חבירו. על אחת כמה וכמה אן ענין וואס דאס איז גאר ניט קיין אמת אויך.

ווען קען מען דאס פועל זיין, און דאס זאל זיין א בר קיימא, ניט נאר די ערשטע רגע נאך דערויף ווי ער האט דאס מחליט געווען, נאר אויך במשך פון כל היום, ובמשך כל ימי חייו, איז דאס דוקא אויב דאס איז מיוסד אויף מתן תורה, וואס זי איז געגעבן געווארן מבורא עולם ומנהיגו,

און אויב אין פריערדיקע דורות האט מען געדארפט זיך אין דערויף מפלפל זיין, צי דאס איז אזוי, אדער עס קען זיין א מעשה ידי אדם – מענטשן וועלן אויפשטעלן א שיטה אין חקירה, וואס די תוצאות פון די חקירה וועט דערנאך אראפקומען אין תורת המוסר מיט אלערליי הוראות ווי אזוי מ׳דארף זיך אויפפירן מיט א צווייטן מענטשן אדער מיט א צווייטן פאלק וכיוצא-בזה,

און דעמאלט וועט מען זיין זיכער, אז וויבאלד ער האט געלערנט די חכמה מיט׳ן גאנצן שטארקייט, און דערנאך האט ער דאס מבין געווען בבינה אמיתית, איז א זיכערע זאך אז מוסר וועט ארויסקומען דער אמת׳ער מוסר –

---

1) איכה-רבה פ״ב, יג.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת נשא

האט אונזער דור – רחמנא-לצלן, לא תקום פעמיים צרה[2] – געזעהן, אז דער פאלק וואס האט גע׳שמ׳ט אין דער גאנצער וועלט, אז ביי זיי איז דער ענין פון חכמה, און וויסענשאפט, און פילאזאפיע, און חקירה, און תורת המוסר אין דעם גרעסטן שטורעם, און מ׳גיט זיך אפ דערמיט, און מ׳לערנט אין דעם צענדליקער יארן, און מ׳שרייבט חיבורים, און מ׳שטעלט אויף תלמידים ותלמידים לתלמידיו, און מ׳מאכט דערפון א מורא׳דיקע שטורעם בכל העולם כולו –

וויבאלד אז ס׳איז אבער ניט געווען געבויט אויף "אבות", וואס אבות איז מילתא דחסידותא, אבער די התחלה איז – ווען בלייבט דאס מילתא דחסידותא? ווען דאס הויבט זיך אן מיט "משה קיבל תורה מסיני"[3], אז די מדות טובות זיינען מיוסד און גענומען געווארן וואס משה האט זיי מקבל געווען פון דעם אויבערשטן, און דערנאך "ומסרה", האט ער איבערגעגעבן אט-די תורה ווי זי איז, ווי ער האט דאס באקומען פון דעם אויבערשטן,

און ווי קען גאר זיין אנדערש – מ׳באקומט א זאך פון דעם אויבערשטן, ווי קען איינפאלן א מענטשן, וואס ער איז איינער פון די מיליארדן באשעפענישן פון דעם אויבערשטן, אז ער קען עפעס משנה זיין אין דערויף וואס דער אויבערשטער האט אים געבעטן איבערגעבן און געגעבן כח אויף איבערגעבן.

און האט אים גלייך אנגעזאגט, אז דאס איז ניט א ענין, אז ער מעג זיך באגנוגענען מיט זיך, און מיט בני ביתו, שטייט גלייך דערנאך דער המשך "והעמידו תלמידים הרבה", אז ס׳דארף זיין "ומסרה" צו די דורות שלאחרי-זה, און מ׳האט ארויסגעגעבן א כלל, פון אנשי כנסת הגדולה, אז מ׳דארף אויפשטעלן תלמידים הרבה.

און ווי גערעדט כמה פעמים בארוכה, אז אויב ער שטעלט אויף הונדערט תלמידים, טויזענט תלמידים, כ"ד אלף תלמידים, איז מען נאך ניט זיכער אז דאס איז "תלמידים הרבה", אפילו אז ער האט פיר-און-צוואנציק-טויזענט תלמידים, און תלמידי רבי עקיבא – האט מען געזאגט אז נאך דערויף האט ער

---

2) ל׳ הכתוב – ס׳ נחום פרק א׳, פסוק ט׳.

3) מס׳ אבות פרק א׳, משנה א׳.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת נשא

געזוכט נייע תלמידים.

ועל דרך זה, אז ער וועט אויפשטעלן אלף אלפים תלמידים, איז וויבאלד אז ס׳קען זיין מיט איינע מערער, איז דאס ניט הרבה – ס׳קען זיין מערער!

בשעת ער האט אויפגעשטעלט תלמידים אין אזא אופן, אז אין זיין גאנצע סביבה, נאר וואו ער קען דערגרייכן, איז ניט געבליבן קיין איין און איינציקער, צו וועלכן ער האט ניט געבראכט די שליחות, און די שליחות ווי משה רבינו האט דאס מקבל געווען מסיני – בשלימותה, אט דעמאלט האט ער נאך ניט מקיים געווען די "העמידו תלמידים הרבה", און ער האט נאך א שליחות עיקרית, אויף זוכן ווי אזוי צו ברענגען צו דעם צו וועמען דאס איז נאך ניט אנגעקומען, אז אויך ער זאל וויסן פון תורה עבודה וגמילות חסדים – די "ג׳ דברים שעליהם העולם עומד"[4].

און אט-דעמאלט ער זעהט אז אלע ארום אים זיינען דורכגעדרונגען מיט׳ן "משה קיבל תורה מסיני" – האט ער מקיים געווען דעם ציווי פון "העמידו תלמידים הרבה" – מער איז ניטא ביכלתו צו זיי דערגרייכן, ניט נאר לויט זיין אפשאצונג, נאר אויך לויט דער אפשאצונג פון תורתנו תורת אמת.

———— • ————

4) אבות פרק א׳, משנה ב׳.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.